עקב תשפ"ד
גליון 204

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהרו"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## גאָר מַיין זאַך אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה / תְּפִלָּה

די פַּרְשָׁה פון דער וואָך הייבט זיך אָן " וְהָיָה "עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה, פַאַרְוואָס נוצט די תּוֹרָה דער לָשׁוֹן עֵקֶב, עס וואָלט געקענט שטיין וְהָיָה אִם תִּשְׁמְעוּן אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה?

דאָס וואָרט ׳עֵקֶב׳ איז פון לָשׁוֹן ׳סוֹף׳, אַזוי ווי ביי אַ מענטש איז דער קאָפּ דער אָנְהוֹיבּ און דער עָקֶב פון די פיס איז דער סוֹף. נאָך אַ טייטש האָט עקב "צעטרעטן", ווען איינער פאַרשעמט אַ צווייטן, זאָגט מען: "ער האָט יענעם צעטרעטן!"

יעצט ווען מען איז סוֹף פון דער גָלוּת, אַזוי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רופן אָן די היינטיגע צייטן "עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא - סוֹף פונעם גָלוּת" דער אָנְהוֹיבּ פונעם אוֹר פון מָשִׁיחַ, ווען די שׂוֹנְאִים שטאַרקן זיך זייער מיט זייערע פיס און ווילן חַס וְשָׁלוֹם צעטרעטן די ערליכע אידן. וואָס איז די עֵצָה צו דעם? זאָגט די הייליגע תּוֹרָה, "אֶת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה" מִשְׁפָּט קומט אוּנְז זאָגן אַז ס'איז נישט ׳סְתַם אַזוי׳ געשען, עס איז נישט קיין צופאַל אַז די רְשָׁעִים ווילן שטערן און צעטרעטן ערליכע אידן, נאָר אַלעס איז אויסגערעכנט פון בֵּית דִין מַעְלָה, כְּדֵי מיר זאָלן זיך צוריקקערן צום באַשעפער.

ווען אידישע קינדער דערהערן אַז אַלע מִשְׁפָּטִים, אַלע דִינִים, מְנִיעוֹת און יִסּוּרִים איז נאָר פון אויבערשטן, דעמאָלט זאָגט דער אויבערשטער "וְשָׁמַר ה׳ אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ", דער אויבערשטער וועט אוּנְז געדענקען און זיך דערבאַרעמען און געדענקען זְכוּת אָבוֹת, אוּנְז צו היטן פון אַלעם בייזן און דִינִים.

ווען יַעֲקֹב אָבִינוּ איז געבוירן געוואָרן שטייט אין פָּסוּק "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו" דאָס ווייזט אַז אין די יעצטיגע צייטן פון עִקְבְתָא דִמְשִׁיחָא וויל עֵשָׂו צעטרעטן און מִלְחָמָה האַלטן קעגן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, איז די עֵצָה "וְיָדוֹ אוֹחֶזֶת" "יָד" איז מְרַמֵּז אויף תְּפִלָּה, אַזוי זעט מען אויך ביי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ "וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה" זאָגט אויף דעם דער תַּרְגוּם "פְּרִישָׁן בִּצְלוֹ" ער האָט אויסגעשפּרייט זיין הענט מיט אַ תְּפִלָּה צום אויבערשטן.

מען זעט היינטיגע צייטן אַז אויף יעדע הייליגע זאַך פאַרלייגט זיך דער בַּעַל דָבָר דאָס צו צעשטערן, בִּפְרָט אין די טעג ווען מיר זעען די שווערע נִסְיוֹנוֹת אויף דער חִנּוּךְ פון די הייליגע קינדער סיי אין חוּץ לָאָרֶץ און זיכער אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, די נִסְיוֹנוֹת פון וועלכן אַריינכאַפּן אידישע בָּחוּרִים אין מיליטער און אַלע סאָרטן נִסְיוֹנוֹת וואָס שוועבט רַחֲמָנָא לִצְלַן אויף תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן.

אַזוי אויך זעט מען די לעצטע יאָרן די שווערקייט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

צו אָנקומען קיין אומַאן אויפ'ן רֶבּינ'ס ראֹש הַשָּׁנָה, וָואס דער הייליגער רֶבּי הָאט געזָאגט: "אִיךְ הָאבּ דָאס בַּאקומֶען בְּמַתָּנָה פונֶעם אויבֶּערְשְׁטְן", דער רֶבּי הָאט גֶעהֵייסְן אויסְרופְן: "אַז וֶוער עֶס אִיז מְקוֹרָב צו אִים זָאל קומֶען צו אִים אויף ראֹש הַשָּׁנָה."

דער הייליגער רֶבּי הָאט געזָאגט: "גָאר מַיין זַאךְ אִיז ראֹש הַשָּׁנָה", אָבֶּער לָאמִיר נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז דֶער רֶבּי הָאט אויךְ גֶעזָאגְט: "גָאר מַיין זַאךְ אִיז תְּפִלָּה", לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן אִין תְּפִלָּה, סַיי דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת, שַׁחֲרִית מִנְחָה, מַעֲרִיב מִיט כַּוָּונָה, מִיט אַ חֵשֶׁק מִיט אַלֶע הֲלָכוֹת פון תְּפִלָּה אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ. אַזוֹי אויךְ קֶען מֶען אַרֵיינְכַאפְּן אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים אָדֶער לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת און בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אויבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס לִיגְט אויפְן הַארְץ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד.

דער אויבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶס זָאל מְקֻיָּם וֶוערְן דִי הַבְטָחָה פון סוֹף פַּרְשָׁה "לֹא יִתְיַצֵּב אִישׁ בִּפְנֵיכֶם, פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ה' אֱלֹקֵיכֶם עַל פְּנֵי כָל הָאָרֶץ" אָמֵן וְאָמֵן.

# איין מעשהלע



## דער גוטער שְׁלִיחַ אין עֶרְפָּארְט

מַיין טַאטֶע הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי זְכִיָּה צוּ פִירְן אַ חָשׁוּבֶ'ע כּוֹלֵל, עֶר שְׁפָּארְט נִישְׁט זַיינֶע כּוֹחוֹת און צַייט צוּ אוֹיסְפִירְן זַיין שְׁלִיחוּת און אַרוּמְפָאָרן אִיבֶּער דִי וֶועלְט צוּ אָנְקְלַאפְּן בַּיי אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל פַאר נְדָבוֹת. ס'אִיז אִים נִישְׁט גְרִינְג און צוּמָאל פָאדֶערְט זִיךְ מְסִירַת נֶפֶשׁ אִיבֶּערְהוֹיפְּט פון מַיין מַאמֶע'ס זַייט, אָבֶּער מִיר וֵוייסְן וָואס דֶער רֶבּי הָאט גֶעזָאגְט אַז "וֶוער עֶס גֶעבְּט פַאר מִיר דֶער נֶעמְט." דָאס מֵיינְט אַז מִיט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט פַאר'ן רֶבּי'ן בַּאקוּמְט מֶען צוּרִיק פַאר זִיךְ.

אֵיינְמָאל אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען פַאר מַיין טַאטֶע צוּ מַאכְן אַ נְסִיעָה קֵיין לָאנְדָאן און פון דָארְט קֵיין אַמֶערִיקֶע. עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן מַיין מַאמֶע זָאל אִים בַּאגְלֵייטְן קֵיין לָאנְדָאן בִּיז עֶר פָארְט קֵיין אַמֶערִיקֶע.

אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, מַיין מַאמֶע הָאט אִים בַּאגְלֵייט קֵיין לָאנְדָאן און אויפְן וֶועג אַהֵיים אִיז מַיין טַאטֶע וַוייטֶער אַרוֹיף אויף אַ פְלִיגֶער קֵיין אַמֶערִיקֶע און מַיין מַאמֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען כַאפְּן אַ פְלִיגֶער צוּרִיק קֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

וֶוער עֶס קֶען דִי לוּפְט-פֶעלְד אִין עֶנְגְלַאנְד וֶועט בֶּעסֶער פַארְשְׁטֵיין דִי מַעֲשֶׂה. דִי לוּפְט-פֶעלְד דָארְט אִיז רִיזִיג גְרוֹיס וִוי אַ שְׁטָאט. עֶס פְלִיעֶן אַרוֹיס יֶעדֶע מִינוּט צֶענְדְלִיגֶער עֶרָאפְּלַאנֶען אֵיינְס נָאכְ'ן צְווֵייטְן. אִיבֶּערָאל שְׁטֵייט מֶען לַאנְגֶע רֵייעֶס

צוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵייגְן. עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אַ מִישׁ-מַאשׁ אָן קַיין סֵדֶר. אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיס קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג זִיךְ פַארְבְּלָאנְדְזְשֶׁען אוּן פַארְטוּמְלֶען.

מַיין מַאמֶע אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דִי פְּלַאץ וואוּ זִי בְּרוֹיךְ אוֹיפְשְׁטֵייגְן. אוּן פַאר וואוּ-וָואס-וֶוען הָאט מֶען שׁוֹין פַארְמַאכְט דִי טוֹיעֶר פוּן פְלִיגֶער. זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט שַׁאקִירְט נִישְׁט וִויסְנְדִיג וָואס צוּ טוּן. זִי קֶען נִישְׁט קַיין וָוארְט עֶנְגְלִישׁ, הָאט נִישְׁט קַיין קְרֶעדִיט-קַארְד צוּ קוֹיפְן אַ נַייעֶ טִיקֶעט, מַיין טַאטְן קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט קְלִינְגֶען וַוייל



עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אִיבֶּער דִי וָואלְקֶענֶעס אוֹיפְ'ן וֶועג קַיין נְיוּ יָארְק אוּן פוּן צְוֵוייטְן זַייט וַוארְטְן מִיר קִינְדֶער אוֹיף אוּנְזֶער מַאמֶע אַז זִי זָאל שׁוֹין אַהֵיימְקוּמֶען.

מַיין מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פוּן דִי גַאנְצֶע נְסִיעָה אוּן זִי הָאט אוֹיסְגֶעפְּלַאצְט אִין אַ גֶעוֵויין. זִי הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִיר הֶעלְפְן אוּן בַּאגְלֵייטְן אָנְצוּקוּמֶען צוּרִיק אַהֵיים בְּשָׁלוֹם שְׁנֶעל אוּן גְרִינְג. אַזוֹי אִיז זִי גֶעזֶעצְן אוֹיפְ'ן בֶּענְקְל אוּן גֶעוֵויינְט וִוי אַ קִינְד צוּם טַאטְן, נִישְׁט הָאבְּנְדִיג דִי מִינְדֶעסְטֶע פְּלַאן וִוי אַזוֹי זִי וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַן עֵצָה גֶעבְּן.

אִינְמִיטְן גֵייט אַרִיבֶּער אַ הֵיימִישֶׁע פָּארְפָאלְק פוּן לָאנְדָאן אוּן בַּאמֶערְקְן וִוי אַ פְרוֹי וֵויינְט. סְ'אִיז נִישְׁט קַיין לְוָיָה דָא אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין שׁוּל בַּיי כָּל-נִדְרֵי. אַ פְרוֹי וֵויינְט נִישְׁט סְתַּם אִינְמִיטְן הֶעלְן טָאג. זֵיי גֵייעֶן צוּ אוּן פְרֶעגְן אִיר וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט. מַיין מַאמֶע הָאט זֵיי גֶעשִׁילְדֶערְט אִין קוּרְצְן אַז זִי הָאט פַארְפַּאסְט אִיר פְלִיגֶער אוּן דָא שְׁטֵייט זִי אָן קַיין וֶועג אַהֵיים צוּ אִירֶע קִינְדֶער.

מִי כְּעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל! דָאס פָּארְפָאלְק אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט אִיר, גֶעקוֹיפְט אַ נַייעֶ טִיקֶעט מִיט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע קְרֶעדִיט-קַארְד אוּן נִישְׁט נָאר דָאס, נָאר אַזוֹיוִוי מַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט דִי שְׁפְּרַאךְ אוּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיסְגֶעקֶענְט אִין דֶעם הוּ הַא, הָאבְּן זֵיי אִיר בַּאגְלֵייט בִּיז צוּם טוֹיעֶר צוּ מַאכְן זִיכֶער אַז זִי גֵייט טַאקֶע אַרוֹיף אוֹיפְ'ן פְלִיגֶער!

וֶוען מַיין מַאמֶע אִיז שׁוֹין עֶנְדְלִיךְ גֶעזֶעסְן אוֹיפְ'ן זִיץ אִין פְלִיגֶער הָאט זִי גֶעקֶענְט פְרַיי אָפְּאָטֶעמֶען אוּן דַאנְקֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פַאר זַיינֶע גֶעוַואלְדִיגֶע חֲסָדִים.

נוּ, וָואס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט? וֶוער עֶס גֶעבְּט דֶער נֶעמְט...

**מען בעט פון אלע קינדער זאלן מתפלל זיין לרפואת ר׳ חיים יצחק בן חנה רבקה אן איניקל פון הייליגן רבי׳ן וועלכער דארף א גרויסע רפואה.**

# גֶעראַטעוועט
# פוּן דִי מִתְנַגְדִים

בַּאלְד נָאכְדֶעם ווֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זוֹכֶה גֶעווֶען צוּרִיק צוּקוּמֶען גֶעזוּנְטֶערְהֵייט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גֶעוואַלְדִיגֶע שְׁוֶוערֶע הִתְנַגְדוּת אוֹיפְן רֶבִּי'ן מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט "אִיךְ הָאב אַייךְ גֶעבְּרֶענְגְט אַ מַתָּנָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מַחֲלוֹקֶת!" דָאס אִיז בַּאלְד מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, וֶוען גְרוֹיסֶע מְפֻרְסָמִים אִין יֶענֶע צַייט הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוֹיפְן רֶבִּי'ן, זַאכְן וָואס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען רִיכְטִיג, אָבֶּער לַיידֶער כְּדֶרֶךְ הָעוֹלָם, הָאבְּן דָאס מֶענְטְשְׁן גֶעגְלֵייבְּט, אוּן דֶער רֶבִּי מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן גֶעמוּזְט לַיידְן שְׁוֶוערֶע רְדִיפוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת וואוּ זֵיי זֶענֶען נָאר גֶעגַאנְגֶען.

בִּפְרָט ווֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוֹינְט אִין זְלָאטִיפָּאלִי, דֶעמָאלְט אִיז עֶר זֵייעֶר זֵייעֶר גֶע'רוֹדֶפְ'ט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי חֲסִידִים וָואס הָאבְּן אָנְגֶענוּמֶען דִי לָשׁוֹן הָרָע וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט, בִּיז דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַז אִין זְלָאטִיפָּאלִי הָאט עֶר גֶעלִיטְן "תַּרְתֵּי גֵיהִנּוֹם" דָאס מֵיינְט דֶעם גֵיהִנּוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

ס'אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי אַזוֹי מֶען הָאט זִיךְ גֶעוַואגְט אוּן גֶעקֶענְט קְרִיגְן אוֹיף אַזַא גֶעוואַלְדִיגֶע לִיכְטִיגְקַייט, אוֹיף אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע תּוֹרוֹת אוּן וֶועגְן אִין עֲבוֹדַת ה', וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶע חִידוּשׁ אֲפִילוּ אִין יֶענֶע צַייט, וֶוען עֶס הָאבְּן נָאךְ גֶעלֶעבְּט גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים פוּן דִי תַּלְמִידֵי הַמַּגִּיד ז"ל, אָבֶּער דָאס אִיז דִי וֶועג פוּן דֶעם אֱמֶת, אַז עֶס



אִיז פַארְשְׁטֶעלְט אוּן מֶען דַארְף עֶס שְׁטֶענְדִיג זוּכְן אוּן בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער שֶׁקֶר פוּן דֶער וֶועלְט זָאל אוּנְז נִישְׁט פַארְנֶעפְּלֶען דִי אוֹיגְן.

אִין יֶענֶע צַייט, אִיז אֵיינְמָאל דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן אוֹיפְן וֶועג קַיין בְּרֶסְלֶב, אוֹיפְן וֶועג הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁטֶעטְל נֶעמִירוֹב. אִין נֶעמִירוֹב הָאבְּן גֶעוואוֹינְט עֶטְלִיכֶע תַּלְמִידִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן דָארְט גֶעוואוֹינְט זֵייעֶר אַסַאךְ חֲסִידִים פוּנֶעם חוֹלֵק וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלַן מִיט רֶבִּי'ן. אַזוֹי ווִי דִי מִתְנַגְדִים הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דֶער רֶבִּי גֵייט אַרִיבֶּערְפָארְן זֵייעֶר שְׁטָאט, הָאבְּן זֵיי בַּאשְׁלָאסְן צוּ אַרוֹיסְגֵיין מִיט אַ גְרוּפֶּע שְׁטַארְקֶע חֶבְרָה, מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן אַנְדֶערֶע כְּלֵי מַשְׁחִית אוּן אָפְּוַוארְטְן דֶעם וָואגְן אוֹיפְן וֶועג, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי וֶועט אָנְקוּמֶען וֶועלְן זֵיי אַרוֹיפְשְׁפְּרִינְגֶען אוֹיפְן וָואגְן אוּן צוּשְׁלָאגְן חַס וְשָׁלוֹם דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה זֵיי הָאבְּן צַאמְגֶענוּמֶען אַפָּאר פֶעסְטֶע שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט וַוארְטְן, דֶערְוַוייל הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן בַּאקוּמֶען אַ גְרִיס וָואס ס'גֵייט פָּאר, אַז מֶען גֵייט אַזוֹי מְבַזֶּה זַיין דֶעם צַדִּיק,

הָאבְּן זַיי זִיךְ צַאמְגֶענוּמֶען אוּן בַּאשְׁלָאסְן אוֹיךְ אַרוֹיסְצוּגֵיין אוֹיפְן וֶועג אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט, צוּוַוארְטְן נֶעבְּן דִי מִתְנַגְּדִים כְּדֵי צוּ קֶענֶען אָפְּהִיטְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זִיךְ אָנְנֶעמֶען פַאר אִים.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאס אַלֶעס גֶעזֶען בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ, דֶערִיבֶּער אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין אַ גַאסְט הוֹיז אוֹיפְן וֶועג, אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם בַּעַל הַבַּיִת צוּ עֶס אִיז דָא עֶפֶּעס אַ אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ אָנְקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב אָן צוּ דַארְפְן אַרִיבֶּערְפָארְן נֶעבְּן דִי שְׁטָאט נֶעמִירוֹב. צוּ זַיין פְרֵייד הָאט דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעזָאגְט אַז יָא! עֶס אִיז דָא נָאךְ אַ וֶועג, אֶפְשָׁר נִישְׁט אַזוֹי גְלַאט אוּן אוֹיסְגֶעפְּלַאסְטֶערְט אָבֶּער מֶען קֶען אָנְקוּמֶען, דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעפָארְן דוּרְךְ דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע וֶועג.

אָבֶּער דֶערְוַוייל זֶענֶען דִי צְוֵויי גְרוּפֶּעס נֶעבְּן דִי שְׁטָאט נֶעמִירוֹב גֶעשְׁטַאנֶען אוּן גֶעוַוארְט אוּן גֶעוַוארְט אַ לַאנְגֶע צַייט, אָבֶּער דֶער וָואגְן פוּן רֶבִּי'ן קוּמְט נִישְׁט אָן, דִי זוּן הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ אוּנְטֶערְגֵיין, עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט צוּ דַאוְוענֶען מִנְחָה, דִי מִתְנַגְּדִים הָאבְּן זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אוּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אַז זֵיי גֵייעֶן דָארְט בְּלַייבְּן דִי גַאנְצֶע צַייט, בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ... בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי וֶועט אָנְקוּמֶען, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט שְׁטֵייעֶן דִי גְרוּפֶּע חֲסִידִים פוּן רֶבִּי'ן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע אִידְן פִיל מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם וָואס זֵיי הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן, הָאבְּן זִיךְ גֶעזָארְגְט אַז דִי שְׁקִיעָה קוּמְט שׁוֹין בַּאלְד אָן, מֶען דַארְף לוֹיפְן אִין שׁוּל אַרַיין דַאוְוענֶען מִנְחָה, אָבֶּער וָואס וֶועט זַיין מִיטְן רֶבִּי'ן? אַזוֹי הָאבְּן זֵיי גֶערֶעדְט צְוִוישְׁן זִיךְ, בִּיז זֵיי הָאבְּן צוּזַאמֶען בַּאשְׁלָאסְן יָא צוּ צוּרִיק גֵיין צוּם שְׁטָאט אוּן דַאוְוענֶען מִנְחָה אוּן דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט שׁוֹין וַוייטֶער הִיטְן אוֹיפְן רֶבִּי'ן.

דִי מִתְנַגְּדִים זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז דִי חֲסִידִים גֵייעֶן צוּרִיק, הָא, יֶעצְט אִיז דִי וֶועג לֵיידִיג! מִיר וֶועלְן קֶענֶען טוּן וָואס מִיר ווִילְן... (דֶערְוַוייל אִיז שׁוֹין דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען וַוייט וַוייט אַוֶועק...)

אַ לַאנְגֶע צַייט זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְן וֶועג אוּן גֶעוַוארְט, וֶוען פְלוּצְלוּנְג הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס אַ שֵׁיינֶע וָואגְן קוּמְט צוּ פָארְן. מַאכְט זִיךְ גְרֵייט! הָאבְּן זֵיי גֶעשְׁרִיגְן אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין דָא, זֵיי הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן הֶעק אִין דִי הֶענְט, אַלֶע הָאבְּן זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּנְטֶער דִי בֵּיימֶער, שְׁטִיל אָפְּגֶעוַוארְט דֶעם וָואגְן.

המשך קומענדיגע וואך בעז"ה

## וואו לויפט נָתִי ?!





# לעובדא ולמעשה

אַמָאל איז ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער אָדֶעסֶער זַ"ל גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁלֹמֹה ווֶעקְסְלֶער זַ"ל ווען עֶר איז שוֹין גֶעוֶוען אין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן, ר' שְׁלֹמֹה איז גֶעוֶוען א גֶעווייקְטֶער חָסִיד אִיבֶּערְגֶעפִילְט מִיט תּוֹרָה און יִרְאַת שָׁמַיִם, זַיין לֶעבְּן איז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק עֲבוֹדַת ה'. שְׁמוּעֶסְנְדִיג צְווִישְׁן זִיךְ אַ בְּרֶסְלֶבֶ'ע שִׂיחַת חֲבֵרִים הָאט זִיךְ ר' שְׁלֹמֹה אוֹיסגֶעדְרֶעדְט מִיט א תְּמִימוּת צו ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער און גֶעזָאגְט מִיט אַ צוּבְּרָאכְן הַארְץ:



**"אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צו טוּן, לֶעצְטְנְ'ס הָאב אִיךְ נִישְׁט קֵיין דִיבּוּרִים בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת..."**

**ר' יִשְׂרָאֵל בֶּער איז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין** עֶרְשְׁטוֹינְט צו זֶען ווי אַזוֹי אַזַא צַדִּיק און פָּרוּשׁ, אַ הֶעכֶערֶער סָארְט מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ אַזוֹי קְלֵיין, עֶר פִילְט נִישְׁט קֵיין פְּחִיתוּת כָּבוֹד זִיךְ צו אוֹיסְרֶעדְן דֶעם אֱמֶת וָואס לִיגְט אים אוֹיפְן הַארְץ פוּן זַיינֶע שְׁווֶערִיגְקֵייטְן אין עֲבוֹדַת ה' פַאר אַ חָבֵר.

(בצילו של הרבי)

הָרַב הֶחָסִיד ר' שְׁמוּאֵל שַׁפִּירָא זַ"ל הָאט גֶעהַאט א מִנְהָג אַז גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב פְלֶעגְט עֶר לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אָפְּהַאלְטְן מִיט שְׁמוּעֶסְן און אַנְדֶערֶע זַאכְן א.א.וו. נָאר עֶר זָאל זַיין גְרֵייט גְלַייךְ זִיךְ צו אָרָאפְּלֵייגְן שְׁלָאפְן צו קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין חֲצוֹת, און דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אין די הֵיילִיגֶע נֶעכְט.



ס'איז גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וָואס הָאבְן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף זַיין הַנְהָגָה און הָאבְן אים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר פִירְט זִיךְ אַזוֹי הָאט עֶר זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט א מוֹרָא'דִיגֶע תְּמִימוּת: **"אִיךְ ווייס נִישְׁט, בַּיי מִיר אין סִדּוּר שְׁטֵייט קְרִיאַת-שְׁמַע גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב...."**

הָאט אִים דֶער 'בַּעַל־תְּפִילָה' גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז אֵייעֶר טוּהְן?! אוּן וִויאַזוֹי זֶענְט אִיר אַייךְ צוּם־אוֹיפְגֶעקוּמֶען [צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען] מִיט דֶעם 'גִבּוֹר'"?! הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט – דְהַיְינוּ: דֶער אֵיינֶער פוּן דִי 'גִבּוֹרִים', הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט [צוּ] דֶעם 'בַּעַל־תְּפִילָה':

דִי 'מַעֲשֶׂה' אִיז אַזוֹי גֶעוֶוען: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] סֶע [סְ'אִיז] פַארְשְׁרִיבְּן אִין זַייעֶרֶע 'קְרוֹנִיקֶעס' [הִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער; דִבְרֵי־הַיָמִים]: אַז סְ'אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער 'רוּחַ־סְעָרָה' (דְהַיְינוּ: אַ 'שְׁטוּרֶעם־וִוינְט') אוֹיף דֶער וֶועלְט! – אוּן דֶער 'רוּחַ־סְעָרָה', הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט!

עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט פוּן 'יַם' [צוּ] 'יַבָּשָׁה'! אוּן פוּן 'יַבָּשָׁה' [צוּ] 'יַם'! – אוּן פוּן 'מִדְבָּר' [צוּ] 'יִשּׁוּב'! אוּן פוּן 'יִשּׁוּב' [צוּ] 'מִדְבָּר'! אוּן עֶר הָאט גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט פַארְמִישְׁט!

אוּן נָאךְ דֶעם 'רַעַשׁ' [אוּן 'צוּמִישֶׁענִישׁ'], וָואס גָאר דִי [גַאנְצֶע] וֶועלְט, אִיז אַזוֹי פַארְמִישְׁט גֶעוָוארְן – נָאכְדֶעם הָאבְּן זִיךְ דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער וֶועלְט מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "[אַז] זֵיי וִוילְן זִיךְ מַאכְן אַ 'מֶלֶךְ'"! הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן [פָארְשְׁטְן]: "וֶוער סְ'אִיז רָאוּי [פַּאסִיג], אַז מֶען זָאל אִים מַאכְן פַאר אַ 'מֶלֶךְ' אִיבֶּער זֵיי"?!

הָאבְּן זֵיי גֶעקְלֶערְט [גֶעפָארְשְׁט]: "בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ נָאר דֶער 'תַּכְלִית'! – דֶערִיבֶּער, וֶוער סֶע [עֶס] פָארֶעט זִיךְ מֶער, אוּן אִיז זִיךְ מֶער מִשְׁתַּדֵל, אִין דֶעם 'תַּכְלִית' פוּן דֶער וֶועלְט – דֶער 'דָאזִיגֶער' קֶער [אִיז פַּאסִיג] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'"!

הָאבְּן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן [פָארְשְׁטְן]: "וָואס אִיז דֶער 'תַּכְלִית'"?! אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גֶעוָוארְן כַּמָה [אַסַאךְ] דֵיעוֹת [כִּיתּוֹת כִּיתּוֹת; גְרוּפֶּעס גְרוּפֶּעס]!

אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית', אִיז 'כָּבוֹד'! וָוארְן מִיר זֶעהְן זִיךְ: אַז 'כָּבוֹד' אִיז דֶער עִיקָר בַּיי דֶער וֶועלְט!

וָוארְן אַז מֶען גִיבְּט נִישְׁט אָפּ [פַאר] דֶעם מֶענְטְשְׁן, זַיין 'כָּבוֹד' – דְהַיְינוּ: אַז מְ'רֶעדְט אִים עֶפֶּעס אַ וָוארְט אַקֶעגְן זַיין 'כָּבוֹד' – הָאט עֶר 'שְׁפִיכוּת־דָמִים'! – וָוארְן דֶער עִיקָר אִיז דֶער 'כָּבוֹד' בַּיי גָאר דֶער [גַאנְצֶער] וֶועלְט!

אוּן [אֲפִילוּ] נָאךְ דֶעם 'טוֹיט' [פוּנֶעם מֶענְטְשׁ] – הִיט מֶען אוֹיךְ אָפּ [מְ'אִיז מַקְפִּיד]: אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעבְּן דֶעם 'מֵת' זַיין 'כָּבוֹד', אַז מֶען זָאל אִים מְקַבֵּר זַיין [בַּאעֶרְדִיגְן] מִיט 'כָּבוֹד', אוּן דֶעסְטְגְלַייכְן! – (אוּן מְ'זָאגְט אִים: "[אַז אַלֶעס] וָואס מְ'טוּט דִיר – טוּט מֶען דִיר אַלְץ, פוּן דַיין 'כָּבוֹד' וֶועגְן")!

כָאטְשֶׁע נָאךְ דֶעם 'טוֹיט', וִויל מֶען שׁוֹין נִישְׁט [סְ'אִיז שׁוֹין מֶער נִישְׁט שַׁיָיךְ] קַיין 'גֶעלְט' – אוּן דֶער 'מֵת', גְלוֹסְט שׁוֹין בְּוַודַאי נִישְׁט [צוּ] קַיין שׁוּם זַאךְ! – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָארְט, אוֹיף דֶעם 'כָּבוֹד' פוּן דֶעם 'מֵת', אִיז מֶען מַקְפִּיד, אוּן מְ'הִיט אִים אָפּ זַיין 'כָּבוֹד'!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער 'כָּבוֹד' [אַז דֶער 'כָּבוֹד' אִיז], דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית'! אוּן נָאךְ 'אַזוֹינֶע סְבָרוֹת' אוּן 'גֶעדְרַאנְגֶען [זִיךְ אוֹיפְדְרִינְגֶען] אַזוֹינֶע' [פוּן פַארְבְּלָאנְדְזֶעטְקַייט אוּן נַארִישְׁקַייט], הָאבְּן דִי דָאזִיגֶע אַלְץ גֶעזָאגְט: "אַז 'כָּבוֹד' אִיז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' פוּן דֶער וֶועלְט"!

בִּיז סְ'אִיז בַּיי זֵיי גֶעבְּלִיבְּן: "אַז דֶער 'עִיקָר תַּכְלִית' אִיז 'כָּבוֹד'"! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיב דֶעם] מוּז מֶען זוּכְן אַ 'אִישׁ מְכוּבָּד' (כְּלוֹמַר: אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט 'כָּבוֹד') – אוּן דֶערְצוּ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נָאכְיָאגְן נָאךְ 'כָּבוֹד' [אוּן דֶערְגְרֵייכְן 'כָּבוֹד']!

וָוארְן, וַוייל [וִויבַּאלְד] דֶער מֶענְטְשׁ [אִיז אַ 'אִישׁ מְכוּבָּד', וָואס עֶר] הָאט 'כָּבוֹד', אוּן יָאגְט נָאךְ דֶעם 'כָּבוֹד', אוּן עֶר הֶעלְפְט דִי 'טֶבַע' וָואס זִי וִויל 'כָּבוֹד' – נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ [אַז דֶער דָאזִיגֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ] מִשְׁתַּדֵל אוּן גֵייט נָאךְ דֶעם 'תַּכְלִית', אוּן הָאט דֶערְלַאנְגְט [דֶערְגְרֵייכְט] דֶעם 'תַּכְלִית'! –

וָוארְן דֶער 'תַּכְלִית' אִיז זִיךְ [דָאךְ] 'כָּבוֹד', כַּנַ"ל [ווי אויבְּנְדֶערְמַאנְט]!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם, אִיז] דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ, קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין 'מֶלֶךְ'!

(אַזוֹי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען דִי 'נַארִישֶׁע [אוּן פַארְבְּלַאנְדזֶעטֶע] דֵיעָה' פוּן אַ טֵייל פוּן זֵיי! – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַזוֹי גֶעפוּנֶען, 'נַארִישֶׁע סְבָרוֹת' אוּן 'גֶעדְרַאנְגֶען' [זִיךְ אוֹיפְגֶעדְרִינְגֶען] – בִּיז זֵיי זֶענֶען דֶערִין פַארְפִירְט [פַארְבְּלַאנְדזֶעט] גֶעוָוארְן, אוּן הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז 'כָּבוֹד' אִיז דֶער 'תַּכְלִית'"! – אוּן אַזוֹי [ווייטֶער] דִי אַלֶע [אַנְדֶערֶע] 'כִּיתּוֹת' [גְרוּפֶּעס] וָואס דָא וֶועט וַוייטֶער שְׁטֵיין, הָאבְּן זֵיי אַלֶע גֶעהַאט [אַסַאךְ] 'נַארִישֶׁע גֶעדְרַאנְגֶען' אוֹיף זֵייעֶרֶע 'נַארִישֶׁע [אוּן פַארְבְּלַאנְדזֶעטֶע] דֵיעוֹת') זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן [אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ]!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאבְּן גֶעזֶעהְן: ווִי מְ'הָאט גֶעטְרָאגְן אַ 'אַלְטְן בֶּעטְלֶער' אַ 'צִיגֵיינֶער'! – אוּן סְ'זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען, אֶפְשַׁר [בְּעֵרֶךְ] פִינֶעף־הוּנְדֶערְט 'צִיגֵיינֶערְס'! – אוּן דֶער [דָאזִיגֶער] 'בֶּעטְלֶער', אִיז גֶעוֶוען 'בְּלִינְד', אוּן 'קְרוּם', אוּן 'שְׁטוּם'!

אוּן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] לַייט, זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען! וָוארְן זֵיי אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶוען זַיין 'מִשְׁפָּחְתֶ'עֶרֶע' [מֶענְטְשְׁן פוּן זַיין מִשְׁפָּחָה]! – וָוארְן עֶר הָאט גֶעהַאט 'שְׁוֶועסְטֶערְס', אוּן 'בְּרוּדֶערְס', אוּן זַיין 'זֶרַע מְרֵעִים'! – בִּיז סְ'אִיז פוּן זֵיי גֶעוָוארְן אַזוֹיפִיל, דִי אַלֶע וָואס זֵיי זֶענֶען אִים נָאכְגֶעגַאנְגֶען! – אוּן הָאבְּן אִים גֶעטְרָאגְן!

אוּן דֶער 'אַלְטֶער 'בֶּעטְלֶער', הָאט זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אוֹיף זַיין 'כָּבוֹד'! – וָוארְן עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר 'בֵּייז' [אַ גְרוֹיסֶער 'כַּעֲסָן']! אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַלֶעמָאל, אוֹיף זֵיי אַ גְרוֹיסְן 'בֵּייזֶער' גֶעטָאן [זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיף זֵיי מִיט 'גְרוֹיסֶע קַפֵּידוֹת']! – אוּן [עֶר] הָאט אַלֶעמָאל גֶעהֵייסְן: "אַז אַנְדֶערֶע [מֶענְטְשְׁן] זָאלְן אִים טְרָאגְן"! – אוּן הָאט זִיךְ אַלֶעמָאל גֶעבֵּייזֶערְט אוֹיף זֵיי!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער 'אַלְטֶער בֶּעטְלֶער' [אַז דֶער דָאזִיגֶער 'אַלְטֶער בֶּעטְלֶער' אִיז], אַ גְרוֹיסֶער 'אִישׁ מְכוּבָּד'! – וָוארְן עֶר הָאט אַזוֹי אַ [אַזַא] 'כָּבוֹד', אוּן יָאגְט אַזוֹי נָאךְ דֶעם 'כָּבוֹד' – וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ זֵייעֶר מַקְפִּיד אוֹיף זַיין 'כָּבוֹד'!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז דֶער [דָאזִיגֶער] 'בֶּעטְלֶער' זֵיי גֶעפֶעלְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'!

אוּן ווייל דָאס 'לַאנְד' אִיז אוֹיךְ 'גוֹרֵם' [בְּרֶענְגְט דֶערְצוּ] – וָוארְן סְ'פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַ 'מְדִינָה', וָואס דִי 'מְדִינָה' אִיז 'גוֹרֵם' אוּן זִי אִיז 'מְסוּגָל' צוּ 'כָּבוֹד'! – אוּן אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי אִיז 'מְסוּגָל' צוּ אַ 'אַנְדֶערֶע מִידָּה'! – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן דִי [דָאזִיגֶע] 'כִּיתָּה' (וָואס בַּיי זֵיי אִיז גֶעוֶוען דֶער 'עִיקַר תַּכְלִית', 'כָּבוֹד'), גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה' וָואס זִי אִיז 'גוֹרֵם' אוּן 'מְסוּגָל' צוּ 'כָּבוֹד'!

הָאבְּן זֵיי גֶעפוּנֶען אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי אִיז 'מְסוּגָל' דֶערְצוּ! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז נִישְׁט דֶער 'כָּבוֹד' אִיז דֶער 'עִיקַר תַּכְלִית'"! אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקְלֶערְט [גֶעפָּארְשְׁט]:

"אַז דֶער 'עִיקַר תַּכְלִית' אִיז 'רְצִיחָה'"! וָוארְן מִיר זֶעהְן: אַז אַלֶע זַאכְן וָואס סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אוֹיף דֶער וֶועלְט, מוּזְן אַלֶע פַארְלֶענְדְט וֶוערְן [צוּגְרוּנְד גֵיין]! – אוּן וָואס סְ'אִיז פַארְהַאנְדְן [פַארְהַאנֶען] אִין דֶער וֶועלְט, 'גְרָאז', אוּן 'אַלֶע פְרוּכְטְן', אוּן 'מֶענְטְשְׁן', אוּן 'אַלְץ' וָואס אִין דֶער וֶועלְט – מוּז אַלְץ צוּם סוֹף, 'נִישְׁט' [צוּנִישְׁט] וֶוערְן [צוּגְרוּנְד גֵיין]!

נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: אִיז זִיךְ דֶער 'תַּכְלִית' פוּן אַלֶע זַאכְן [אַז דֶער 'תַּכְלִית' פוּן אַלֶע זַאכְן אִיז], אַז סְ'זָאל 'נִכְלֶה' וֶוערְן (דְהַיְינוּ: פַארְלֶענְדְט וֶוערְן [צוּגְרוּנְד גֵיין])! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם, אִיז] אַ 'רוֹצֵחַ' וָואס עֶר הַרְגֶ'עט אוּן פַארְלֶענְדְט מֶענְטְשְׁן – בְּרֶענְגְט עֶר זִיךְ [עֶר מֶערְט צוּ בְּרֶענְגֶען] דִי וֶועלְט צוּם 'תַּכְלִית'!

אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָפְּגֶעקְלֶערְט [אָפְּגֶעמַאכְט צְווִישְׁן זִיךְ]: "אַז דֶער 'תַּכְלִית' אִיז

'רְצִיחָה'"!

הָאבְּן זֵיי גֶעזוּכְט אַ מֶענְטְשְׁן [מֶענְטְשׁ], וָואס עֶר זָאל זַיין אַ 'רוֹצֵחַ', אוּן אַ 'כַּעֲסָן', אוּן אַ גְרוֹיסֶער 'בַּעַל-קִנְאָה'! – וָוארְן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ, אִיז בַּיים [מֶער נֶענְטֶער צוּם] 'תַּכְלִית' (וֶועדְלִיג [לוֹיט] זֵייעֶר פַארְפִּירְטֶע [פַארְבְּלָאנְדְזֶעטֶע] דֵיעָה), אוּן 'דֶער' קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַזוֹי אַ מֶענְטְשְׁן [אַזַא סָארְט מֶענְטְשׁ]! הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט אַ 'גֶעשְׁרֵיי'! הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ [אַזַא] 'גֶעשְׁרֵיי'"?! הָאט מֶען זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "[אַז] דָאס 'גֶעשְׁרֵיי' אִיז: וָואס אֵיינֶער הָאט זַיין 'פָּאטֶער אוּן מוּטֶער' גֶעקוֹילֶעט [גֶעשָׁחְטְ'ן]"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "ווִי גֶעפִינְט זִיךְ נָאךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] 'רוֹצֵחַ' [אִיז דֶען פַארְהַאן אַ גְרֶעסֶערֶע 'רוֹצֵחַ' פוּן דֶעם], וָואס עֶר זָאל אַזוֹי אַ [אַזַא] 'שְׁטַארְק הַארְץ' הָאבְּן, אוּן זָאל זַיין אַזוֹי אַ [אַזַא] 'כַּעֲסָן', אַז עֶר זָאל הַרְגֶ'עֶנֶען [זַיין] 'פָּאטֶער אוּן [זַיין] מוּטֶער'?! – אָט 'דֶער [דָאזִיגֶער] מֶענְטְשׁ' הָאט דֶערְלַאנְגְט [דֶערְגְרֵייכְט] דֶעם 'תַּכְלִית' (דְהַיְינוּ: 'דֶער' וָואס הָאט [זַיין] 'פָּאטֶער אוּן מוּטֶער' גֶעקוֹילֶעט [גֶעשָׁחְטְ'ן])"!

אוּן עֶר אִיז זֵיי וואוֹיל-גֶעפֶעלְן! – אוּן זֵיי הָאבְּן אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי זָאל 'גוֹרֵם' זַיין (דְהַיְינוּ: זִי זָאל דֶערְצוּ קֶערְן ['צוּבְּרֶענְגֶען' אוּן 'מְסוּגָל' זַיין]) צוּ 'רְצִיחָה'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ 'אָרְט' [פְּלַאץ] צְווִישְׁן 'בֶּערְג' [אוּן 'הוֹיכֶע-בֶּערְג'], וָואס דָארְטְן הַאלְטְן זִיךְ 'רוֹצְחִים' [זֵיי וואוֹינֶען צְווִישְׁן דִי בֶּערְג]! – אוּן זֵיי זֶענֶען אַהִינְגֶעגַאנְגֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט מִיט זֵייעֶר 'מֶלֶךְ'!

אַ [אַנְדֶערֶע] טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז סְ'קֶער [סְ'פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ', דֶער וָואס עֶר הָאט [אַ שֶׁפַע פוּן] 'אַסַאךְ עֶסְן', אוּן עֶר עֶסְט נִישְׁט דָאס [זֶעלְבֶּע] 'עֶסְן' פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, נָאר 'אֵיידֶעלֶע זַאכְן' [לְמָשָׁל 'מִילֶעךְ' – כְּדֵי זַיין 'שֵׂכֶל' זָאל נִישְׁט פַארְגְרֶעבְּט וֶוערְן] – אוּן אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשׁ קֶער צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'"!

נָאר זֵיי הָאבְּן תֵּיכֶף נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען אַזוֹי אַ [נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלַייךְ טְרֶעפְן אַזַא] מֶענְטְשְׁן, וָואס עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן דָאס [זֶעלְבֶּע] 'עֶסְן' פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְוַוייל אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ 'עוֹשֶׁר', וָואס עֶר הָאט [אַ שֶׁפַע פוּן] 'אַסַאךְ עֶסְן' (אוּן זַיין 'עֶסְן' אִיז 'אַבִּיסְל אֵיידֶעלֶער')! – בִּיז זֵיי וֶועלְן גֶעפִינֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] מֶענְטְשְׁן ווִי זֵיי ווִילְן, וָואס עֶר זָאל נִישְׁט עֶסְן וְכוּ', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – אוּן דֶערְוַוייל [צַייטְוַויילִיג] הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט דֶעם 'עוֹשֶׁר' פַאר אַ 'מֶלֶךְ'! – בִּיז זֵיי וֶועלְן גֶעפִינֶען אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ ווִי זֵיי ווִילְן, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! [אוּן] דֶעמָאלְט, וֶועט דֶער 'עוֹשֶׁר' אַרָאפּ פוּן דֶער 'מְלוּכָה', אוּן מְ'וֶועט יֶענֶעם אוֹיפְנֶעמֶען פַאר אַ 'מֶלֶךְ'!

אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ 'מְדִינָה', וָואס זִי זָאל קֶערְן ['צוּבְּרֶענְגֶען' אוּן 'מְסוּגָל' זַיין] דֶערְצוּ! – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!

אַ טֵייל הָאבְּן גֶעזָאגְט: "אַז אַ 'יְפַת-תֹּאַר' קֶער [פַּאסְט] צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'"!

וָוארְן דֶער 'עִיקַר תַּכְלִית' אִיז זִיךְ: "אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן"! – וָוארְן פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן [צוּלִיבּ דֶעם] אִיז זִיךְ [דָאךְ] דִי וֶועלְט בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן!

אוּן ווַייל [ווִיבַּאלְד] אַ 'יְפַת-תֹּאַר' בְּרֶענְגְט [עֶרְוֶועקְט] צוּ 'דֶער תַּאֲוָה', וָואס דוּרְכְדֶעם וֶוערְט גְרֶעסֶער דֶער 'יִשּׁוּב' פוּן דֶער וֶועלְט (וָוארְן סְ'וֶוערְן מֶער מֶענְטְשְׁן)! – נִמְצָא [קוּמְט אוֹיס]: בְּרֶענְגְט זִי זִיךְ [אַז זִי בְּרֶענְגְט צוּ] צוּם 'תַּכְלִית'! אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] קֶער [פַּאסְט] אַ 'יְפַת-תֹּאַר' צוּ זַיין אַ 'מֶלֶךְ'!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן אַ 'יְפַת-תֹּאַר' – אוּן 'זִי' אִיז אִיבֶּער זֵיי, גֶעוָוארְן 'מֶלֶךְ'! אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעזוּכְט אַ 'מְדִינָה', וָואס סְ'זָאל דֶערְצוּ קֶערְן ['צוּבְּרֶענְגֶען' אוּן 'מְסוּגָל' זַיין]! – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן זִיךְ דָארְט בַּאזֶעצְט!



# טייערע ברסלב'ער אינגל,

קלינג יעצט אריין אין טעלעפאן ליין און זיי זיך משתתף
אין דעם קאמפיין פאר'ן הייליגן רבינ'ס ראש השנה
אויף יעדעס מאל וואס דו זאגסט א תיקון הכללי גייסטו
אריין אין ווערדפולע גורלות.

646-585-3040

**02.5.3333.72**

**אויף קנעפל 8-8**

## הכונו הכונו

## צום גרויסן מעמד תפלה

פאר די טייערע ברסלב'ע קינדער וואס וועט בעז"ה פארקומען
אין בית שמש אין די קומענדיגע טעג,
צו מתפלל זיין להצלחת דעם הייליגן רבי'נס
קיבוץ אין אומאן ראש השנה.

פרטים יבואו

נאָמען: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צוועלעוועטע מעשה - דער בעל תפילה (7)

**א. פארוואס האט איין כתה געזאגט אז דער תכלית איז כבוד?**
- ☐ ווייל אזוי האט זיי א עהרליכע איד געזאגט
- ☐ ווייל ביי די וועלט איז דער עיקר די כבוד
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וועלכע קעניג האבן די כת פון כבוד געטראפן?**
- ☐ א אלטער בעטלער א ציגיינער וואס האט זייער מקפיד געווען אויף זיין כבוד
- ☐ א אלטער פעשער מענטש
- ☐ א אינגער מענטש וואס האט א גאנצן טאג גערעדט פון זיין כבוד

**ג. פארוואס האט די צווייטע כתה געזאגט אז דער תכלית איז רציחה?**
- ☐ ווייל ווער ס'הרג'ט אסאך מענטשן האט אסאך כבוד
- ☐ ווייל אלעס אין דער וועלט ווערט פארלענט און א רוצח פארלענט מענטשן
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וועם האבן זיי גענומען פאר א מלך?**
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט אסאך מענטשן
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט זייני קינדער
- ☐ איינער וואס האט גע'הרג'ט זיין טאטע און מאמע

**ה. וועם האבן גענומען פאר א מלך די כתה וואס האבן געהאלטן אז א מלך דארף זיין איינער וואס עסט נאר איידעלע עסן?**
- ☐ זיי האבן געטראפן איינעם וואס עסט נאר איידעלע עסן
- ☐ זיי האבן נישט געטראפן האבן זיי דערווייל גענומען א עושר אלס מלך
- ☐ זיי האבן נישט געטראפן א מלך

**ו. וועם האבן גענומען פאר א קעניג די כתה וואס ביי זיי איז די תכלית צו באזעסן די וועלט?**
- ☐ איינער וואס האט געהאטן אסאך קינדער
- ☐ איינער וואס האט געהאטן אסאך ווייבער
- ☐ א יפת תואר

**ז. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק



### טיפער געטראכט

**אן זיי האין זיך גיזבט א מדינה וואס זי זאל גורם זיין צו... ביי וועלכע כת איז דער רבי מפרט די לאנד וואס זיי האבן זיך באזעצט?**

**ציינן אן אויף יעדע איינע פון די פיר לשונות, אויף וועלכע כת האט עס דער רבי געשריבן?**

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל קֶערִין דֶערְצוּ

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס סֶע זָאל דֶערְצוּ קֶערִין

אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי זָאל גוֹרֵם זַיין צוּ...

הָאבִּין דִי כִּיתָּה גִיזוּכְט אַ מְדִינָה וָואס זִי אִיז גוֹרֵם אוּן מְסוּגָּל צוּ...

### תשובות אויף די פריערדיגע וואך

וועמען האבן די מענטשן פון די מדינה פון עשירות געהאלטן ביי זיך. און זיי האבן אים נישט געוואלט אוועק לאזן – דער בעל תפילה און ווי אזוי איז ער צום סוף יא אוועק פון זיי? ווייל ער איז געגאנגען רעדן מיטן גבור

**געווינער אויף בעל תפלה 6 איז הילד החשוב שמעון נחמן קויפמאן, בית שמש טעלעפאן 9790*****

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבּי'נס משלים

## אַן אַלְטֶער טְרַאקְט

**בּײ** אײנע פון די חֲתוּנוֹת פון הײליגן רבּי'נס טעכטער, האָבּן די חסידים איִם בּאַגלײט מיט עטליכע װעגענער (׳פּירלאַך פּירלאַך׳ זענען געפאָרן דאָרט מיט'ן רבּין), עס איז דאַן געווען חֹדש חֶשְׁוָן ווען עס מערן זיך רעגנס - די צייט פון הערבּסט, ווי עס ווערט אין רוסיש אָנגערופן ׳אוסין׳. די וועגן זענען דאַן פול מיט בּלאָטע און זומפּן פון די רעגנס.

דער בּעל עֲגָלָה האָט דעריבּער אויסגעקְרויזט די וועג און געפירט דעם וואָגן אויף א לענגערע וועג, און מיט גרויס געניטשאַפט דערנאָך צוריקגעפירט דעם וואָגן צום הויפּטוועג וואס איז געווען גוט געפּלאַסטערט אָן קיין לִיים און בּלאָטע. דער בּעל עֲגָלָה האָט זיך דאַן אָנגערופן צום רבּי'ן מיט דעם לָשׁוֹן: ״זֶעהסט'זשע רבּי, מיר האָבּן געדאַרפט פאָרן גְלַייך דורך די בּלאָטעס, זענען מיר געפאָרן אַרום און אַרום, און איך האָב אויסגעמיטן די בּלאָטעס, און איך בּין אַרויף [צוּריק] אויפן גלייכן וועג!״.

האָט דער זיך אָנגערופן אַזוי: ״**תַּעֲנִיתִים וְסִגּוּפִים איז אַן אַלְטֶער טְרַאקְט [וועג] צו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הִתְבּוֹדְדוּת און תְּפִלָּה איז אַ נַייע וועג צו הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ; אָבֶער מען קוּמְט אַלֶץ [צוּריק] אַרויף אויף דעם אַלְטְן און גְלַייכְן וועג**״.



---

הגליון נתנדב ע״י
הר״ר יהודה פיליפ הי״ו
לרגל נישואי בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע״י
הר״ר שמעון ווייס הי״ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע״י
הר״ר מנחם צבי עהרנטאל הי״ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע״י
הר״ר נתן מרדכי גערטנער הי״ו
לרגל אירוסי בתו למזל טוב